# גליון בת עין

דבר השוה לכל נפש

אידיש

· גליון פו · שנה ב ·

**פרשת החודש**

תשפ"ה


דְּרוּשׁ לְפָרָשַׁת הַחוֹדֶשׁ[א]

## פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא

### תוכן הדרוש

[א] לשון הפסוקים ודרשת חכמז"ל. / א דיוק אין דרשת חכמז"ל. / בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה.

[ב] פשט אין פסוק 'כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ'. / תְּשׁוּבָה און הִתְחַזְּקוּת פארן דאווענען. / צוויי פרטים אין התבוננות.

[ג] די כח פון דיבורים מיט התבוננות. / די בחינה פון שִׁיר חָדָשׁ. / די דריי בחינות פון שִׁיר חָדָשׁ איז מרומז אין משה. / וואס מיינט דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב.

[ד] די כח פון דיבורים פון צדיקים. / די בחינה פון כַּלָּה מיינט די עבודה פון כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ. / די פונק פייער וואס צופלאמט זיך אונטער די חוּפָּה. / פשט אין מאחז"ל אַל תִּקְרֵי מָה אֶלָּא מֵאָה. / די פאראייניגונג פון 'גַּס' - 'הַלֵּב'. / די מעשה מיט ר' אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲרָךְ.

[ה] די בחינה פון רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִסָן. / די קליינע 'א' פון ויקרא. / פשט אין פסוק 'וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה'. / "כַּלַּת" כְּתִיב - כְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לַחֻפָּה.

[א]

### לשון הפסוקים ודרשת חכמז"ל

(א) **הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים וְגוֹ'** (שמות יב, ב) די דאזיגע חודש (ניסן) איז דער הויפט פון אלע חדשים וְגוֹ'.

### פארווארט

הרה"ק ר' פינחס מקאריץ פלעגט זאגן אז די פיר פרשיות, שקלים / זכור / פרה / החודש, זענען אויסגעוועלטע שבתות וואס מיט דעם קען זיך א מענטש דערנענטערן צו השי"ת, און ווי ער האט זיך אויבגעדריקט 'אז מען זעהט זיך מיטן באשעפער'.

אונז שטייען יעצט ביי די אונטערשטע שבת פון די ארבע פרשיות, ס'האט זיך אויסגעשטעלט אביסל א לענגערע און טיפערע תורה, אבער עס זעהט אויס אז דער בת עין איז נישט אזוי שנעל אוועק פון פרשת החודש.

זאל דער אייבישטער העלפן אונז זאלן זוכה זיין אריינצוגיין אין 'החודש הזה לכם' מיט אלע פירושים און רמזים, און א כשר'ן און פרייליכן פסח.

(ב) **וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן וְגוֹ'** (במדבר ז, א) 'און עס איז געווען אין די טאג [ראש חודש ניסן] וואס משה רבינו האט געענדיגט צו אויפשטעלן די משכן'.

> דְּרוּשׁ לְפָרָשַׁת הַחוֹדֶשׁ
> פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא
> הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים וְגוֹ' (שמות יב, ב). 'וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן' וְגוֹ' (במדבר ז, א).
> וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (הובא ברש"י שם) בְּיוֹם שֶׁהוּקַם הַמִּשְׁכָּן הָיוּ יִשְׂרָאֵל כְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לְחוּפָּה.
> וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק הֵיכָן כְּתִיב בַּקְּרָא יִשְׂרָאֵל אוֹ חוּפָּה.

**- דרשת חז"ל -**

**וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: בְּיוֹם שֶׁהוּקַם הַמִּשְׁכָּן הָיוּ יִשְׂרָאֵל כְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לְחוּפָּה**[ב] און חכמינו ז"ל האבן גע'דרשנ'ט אז אין די טאג וואס די משכן איז אויפגעשטעלט געווארן זענען די יודן געווען ווי א כלה וואס גייט אריין אין די חופה.

### א דיוק אין דרשת חכמז"ל

**וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק הֵיכָן כְּתִיב בַּקְּרָא יִשְׂרָאֵל אוֹ חוּפָּה** און מען דארף פארשטיין די דרשה פון די חכמים ווייל ווי שטייט אין פסוק עפעס וועגן יִשְׂרָאֵל אדער וועגן א חוּפָּה.

---

א. די דרוש איז געזאגט געווארן אין פרשת החודש וואס איז אויסגעפאלן אין פרשת ויקרא, אזוי ווי די דרוש איז בעיקר וועגן ראש חודש ניסן האבן מיר עס געשטעלט די וואך אפילו ס'איז נאך פרשת פקודי.

ב. לשון רש"י אויפן פסוק: **וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה** – "כַּלַּת" כְּתִיב, יוֹם הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן הָיוּ יִשְׂרָאֵל כְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לַחֻפָּה (תנחומא ו).


**גליון זה נתנדב ע"י**

הרבני הנגיד ר' **זאב וואלף ווייטרויב** הי"ו

לרגל שמחת נישואי בתו בשעה טובה ומוצלחת

יעזור השי"ת שזכות רבינו יגן עליו ויזכה לרוות רוב נחת

מזוג זה ומכל יוצאי חלציו ולהתברך בכל מילי דמיטב אכי"ר

## בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה

**וּלְהָבִין כָּל זֶה נַקְדִּים תְּחִילָּה דְּאִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ** (ח״ב קנז:) **בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה** און צו פארשטיין דאס אלעס וועלן מיר צום ערשט אנפאנגען מיט וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש 'אז מיט דריי זאכן האט זיך משה געפלאגט צו פארשטיין', **בִּמְנוֹרָה – שְׁקָלִים – הַחוֹדֶשׁ** (1) מיט די אויסזעהן פון די מנורה (2) און מיט די מחצית השקל (3) און מיט די פרשה פון הַחוֹדֶשׁ (די אויסזעהן פון די לבנה), **וּרְשׁוּמִים בִּשְׁמוֹ מֹשֶׁה שֶׁרָאשֵׁי תֵּיבוֹת שֶׁל מְנוֹרָה שְׁקָלִים הַחוֹדֶשׁ הוּא מֹשֶׁה** און די דריי זאכן זענען מרומז אין זיין נאמען מֹשֶׁה וויל די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פון מְנוֹרָה שְׁקָלִים הַחוֹדֶשׁ איז מֹשֶׁה (ביז דא איז די זוהר הק').

**וּלְהָבִין זֶה הָעִנְיָן לָמָּה נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים הַלָּלוּ דַּוְקָא** און מען דארף פארשטיין פארוואס האט משה זיך דווקא געמוטשעט צו פארשטיין די דריי זאכן מער ווי אלעס.

[ב]

## פשט אין פסוק 'כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ'

**הִנֵּה אִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ** (ח״ג מא:) **'כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ'** (קהלת ו, ז) **בְּגִין דְּלָא נָטַר פּוּמֵיהּ**[ג] עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש אויף די פסוק פון קהלת 'אז די גאנצע פלאג פונעם מענטש איז וועגן די מויל' אז דאס מיינט וועגן וואס ער האט נישט געהיט זיין מויל.

**פֵּירוּשׁ דְּהִנֵּה זֶה וַדַּאי שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לִשְׁמוֹר אֶת פִּיו מִמַּאֲכָלִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם צַד אִיסּוּר חַס וְשָׁלוֹם** דאס מיינט צו זאגן אז אוודאי דארף א מענטש זיך צו היטן זיין מויל פון עסן עסנווארג וואס האט חַס וְשָׁלוֹם אין זיך א איסור, **וּמִדִּיבּוּרִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שׁוּם אִיסּוּר** און דאס זעלבע פון רעדן זאכן וואס מען טאר נישט רעדן, **כְּגוֹן לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְלֵיצָנוּת וּדְבָרִים בְּטֵלִים חַס וְשָׁלוֹם** אזוי ווי חַס וְשָׁלוֹם לשון הרע און רכילות און ליצנות און פוסטע שמועסן, **שֶׁמִּדִּיבּוּרִים כָּאֵלּוּ בְּוַדַּאי אֵין צָרִיךְ זֵירוּז וְאַזְהָרָה** ווייל פון אזעלכע רעדעריי דארף מען אוודאי נישט האבן קיין ווארענונג אדער אנזאג.

**אֶלָּא מַזְהִיר הַכָּתוּב לִשְׁמוֹר אֶת פִּיו וּלְקַדְּשׁוֹ בְּתוֹרָה וּתְפִילָּה כָּרָאוּי** נאר די פסוק מיינט אונז צו אנזאגן אונז זאלן היטן די מויל און עס הייליגן מיט תורה און תפלה אזוי ווי עס ברויך צו זיין, **שֶׁלֹּא יִהְיֶה תּוֹרָתוֹ רַק בְּהֶרְגֵּל לְשׁוֹנוֹ בִּלְבָד וְלִבּוֹ בַּל עִמּוֹ** אז די תורה זאל נישט זיין נאר ווי ער איז געוואוינט צו רעדן מיט די מויל און זיין הארץ איז נישט מיט אים.

---

וּלְהָבִין כָּל זֶה נַקְדִּים תְּחִילָּה דְּאִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (ח״ב קנז:) בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה, בִּמְנוֹרָה, שְׁקָלִים, הַחוֹדֶשׁ, וּרְשׁוּמִים בִּשְׁמוֹ מֹשֶׁה שֶׁרָאשֵׁי תֵּיבוֹת שֶׁל מְנוֹרָה שְׁקָלִים הַחוֹדֶשׁ הוּא מֹשֶׁה[א].

וּלְהָבִין זֶה הָעִנְיָן לָמָּה נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים הַלָּלוּ דַּוְקָא.

הִנֵּה אִיתָא בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (ח״ג מא:) 'כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ' (קהלת ו, ז) בְּגִין דְּלָא נָטַר פּוּמֵיהּ[ב].

פֵּירוּשׁ דְּהִנֵּה זֶה וַדַּאי שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לִשְׁמוֹר אֶת פִּיו מִמַּאֲכָלִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם צַד אִיסּוּר חַס וְשָׁלוֹם, וּמִדִּיבּוּרִים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שׁוּם אִיסּוּר, כְּגוֹן לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְלֵיצָנוּת וּדְבָרִים בְּטֵלִים חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁמִּדִּיבּוּרִים כָּאֵלּוּ בְּוַדַּאי אֵין צָרִיךְ זֵירוּז וְאַזְהָרָה.

אֶלָּא מַזְהִיר הַכָּתוּב לִשְׁמוֹר אֶת פִּיו וּלְקַדְּשׁוֹ בְּתוֹרָה וּתְפִילָּה כָּרָאוּי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה תּוֹרָתוֹ רַק בְּהֶרְגֵּל לְשׁוֹנוֹ בִּלְבָד וְלִבּוֹ בַּל עִמּוֹ.

א. בזוה״ק שם: קם תנא חדא ואמר, רעיא מהימנא ודאי הכי הוא, ולך מני למעבד כלהו, הדא הוא דכתיב 'ועשית מנורת', 'ועשית שלחן', והכי בכלא, וראה ועשה, ומכלא לא אתקשי לך למעבד אלא תלת מלין, דרשימין באתוון דשמך, מ'נורה ש'קלים ה'חדש.

ב. בזוה״ק שם: רבי יוסי פתח ואמר, (קהלת ו, ז) 'כל עמל האדם לפיהו' וגו', אסתכלנא במלי דשלמה מלכא, וכלהו אחידן בחכמה עלאה, כל עמל האדם לפיהו, האי קרא בשעתא דדיינין ליה לבר נש בההוא עלמא כתיב, כל ההוא דינא, וכל מאי דסביל בההוא עלמא, ונקמין מניה נקמתא דעלמא, לפיהו, בגין פיהו דלא נטיר ליה, וסאיב ליה לנפשיה, ולא אתדבק בסטרא דחיי, בסטרא דימינא.

ג. די פשוטע פשט אין זוהר הקדוש איז אז א מענטש וועט אפגעבן דין וחשבון אויף וואס ער האט נישט אפגעהיט זיין מויל, אבער דער בת עין גייט אונז זאגן א טיפערע געדאנק אין די הייליגע ווערטער פונעם זוהר הקדוש, אז דער מענטש וועט אפגעבן דין וחשבון אויף וואס ער האט נישט געהייליגט זיין מויל אז זיין דאווענען און לערנען זאל זיין מיט די גאנצע הארץ.

אֶלָּא מִתְּחִילָּה קוֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה יִתְבּוֹנֵן תְּחִלָּה הֵיטֵב בִּגְדוּלַּת הַבּוֹרֵא שֶׁמְּלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וְלֵית אֲתַר פָּנוּי מִינֵּיהּ, וְתָמִיד רוֹאֶה בְּמַעֲשָׂיו בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ וְדִיבּוּרוֹ.

וְיַחְשׁוֹב בְּמַחְשָׁבָה דִּיבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁלּוֹ אֲשֶׁר חָלְפוּ וְעָבְרוּ אֲשֶׁר לֹא לַה' הֵמָּה, בְּהֵאיךְ אַנְפִּין יָקוּם קֳדָם מַלְכָּא לְדַבֵּר בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה.

וְיִשָּׁבֵר לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ, וְיִכָּנַע לִפְנֵי הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מְאֹד, וְיָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ.

וְאַחַר כָּךְ יָאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּבְחִינַת הִתְחַזְּקוּת שֶׁיִּתְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּרַחֲמֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל הַבְּרִיּוֹת שֶׁרוֹצֶה בִּתְשׁוּבָה.

וּבָזֶה יַתְחִיל לִשְׁקוֹל בְּדַעְתּוֹ מַה יְּדַבֵּר לִפְנֵי ה' בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה.

גַּם יִשְׁקוֹל בְּדַעְתּוֹ אִם אֱמֶת הוּא הַבְּחִינַת תְּשׁוּבָה שֶׁהוּא בְּדַעְתּוֹ, וְיַתְחִיל לְדַבֵּר בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה.

וּבְחִינַת דִּיבּוּר זֶה יִהְיֶה בְּחִינַת הִתְחַדְּשׁוּת בְּחִינַת הוֹלָדָה שֶׁנִּתְיַילֵּד בְּחִינָה חֲדָשָׁה.

## תְּשׁוּבָה און הִתְחַזְּקוּת פארן דאווענען

**אֶלָּא מִתְּחִילָּה קוֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה יִתְבּוֹנֵן תְּחִלָּה הֵיטֵב בִּגְדוּלַּת הַבּוֹרֵא שֶׁמְּלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וְלֵית אֲתַר פָּנוּי מִינֵּיהּ** נאר א מענטש דארף גוט אריינטראכטן פון אנפאנג פאר ער הייבט אן מיט תורה און תפלה אין די גרויסקייט פונעם באשעפער אז די גאנצע וועלט איז פיל מיט זיין כבוד און ס'איז נישט דא קיין שום ליידיג פלאץ אויסער אים, **וְתָמִיד רוֹאֶה בְּמַעֲשָׂיו בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ וְדִיבּוּרוֹ** און אז דער באשעפער זעט שטענדיג זיינע מעשים און מחשבות און וואס ער רעדט.

### - תְּשׁוּבָה -

**וְיַחְשׁוֹב בְּמַחְשָׁבָה דִּיבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁלּוֹ אֲשֶׁר חָלְפוּ וְעָבְרוּ אֲשֶׁר לֹא לַה' הֵמָּה** און ער זאל טראכטן וועגן זיינע מחשבות און דיבורים און מעשים וואס זענען אריבער דורך אים און ס'איז נישט געווען פארן באשעפער'ס רצון, **בְּהֵאיךְ אַנְפִּין יָקוּם קֳדָם מַלְכָּא לְדַבֵּר בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה** און מיט וואספארא פנים קען ער זיך שטעלן פארן קעניג (דעם באשעפער) צו רעדן אין זיין הייליגע תורה, **וְיִשָּׁבֵר לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ** און ער זאל צובערעכן זיין הארץ אין זיך, **וְיִכָּנַע לִפְנֵי הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מְאֹד** און ער זאל זיין זייער אונטערטעניג פארן באשעפער, **וְיָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ** און ער זאל תשובה טאהן פארן באשעפער.

### - הִתְחַזְּקוּת -

**וְאַחַר כָּךְ יָאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּבְחִינַת הִתְחַזְּקוּת** און דערנאך וועט אים דער באשעפער אריינשיינען א בחינה פון התחזקות, **שֶׁיִּתְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּרַחֲמֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל הַבְּרִיּוֹת** אז ער זאל זיך שטארקן מיט די רחמים פון דעם באשעפער אויף זיינע מענטשן, **שֶׁרוֹצֶה בִּתְשׁוּבָה** וואס דער באשעפער ווערט באוויליגט מיט תשובה.

## צוויי פרטים אין התבוננות

(1) וואס גייט ער רעדן פארן באשעפער

**וּבָזֶה יַתְחִיל לִשְׁקוֹל בְּדַעְתּוֹ מַה יְּדַבֵּר לִפְנֵי ה' בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה** און מיט דעם וועט ער אפוועגן אין זיין געוויסן וואס ער זאל רעדן פארן באשעפער מיט א ציטער און א מורא.

(2) אויב ער מיינט באמת זיין תשובה

**גַּם יִשְׁקוֹל בְּדַעְתּוֹ אִם אֱמֶת הוּא הַבְּחִינַת תְּשׁוּבָה שֶׁהוּא בְּדַעְתּוֹ** אויך זאל ער איבערטראכטן אין געוויסן אויב ער מיינט באמת די בחינת תשובה, **וְיַתְחִיל לְדַבֵּר בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה** און ער זאל אנהייבן צו רעדן אין תוֹרָה און תְּפִלָּה.

[ג]

## די כח פון דיבורים מיט התבוננות

**וּבְחִינַת דִּיבּוּר זֶה יִהְיֶה בְּחִינַת הִתְחַדְּשׁוּת** און מיט די בחינה פון אזא רעדן מיט 'התבוננות' וועט ער זיין אין א בחינה הִתְחַדְּשׁוּת, **בְּחִינַת הוֹלָדָה** וואס דאס איז א בחינה פון הוֹלָדָה – געבוירן, **שֶׁנִּתְיַילֵּד בְּחִינָה חֲדָשָׁה** אז עס איז געבוירן געווארן א נייע בחינה.

> **וְדִיבּוּר זֶה פּוֹעֵל בְּכָל הָעוֹלָמוֹת שֶׁיָּאִיר אוֹר ה' בָּהֶם וְנִכְנָסִין לְלֵב כָּל הַשּׁוֹמֵעַ לִפְתּוֹחַ לוֹ פֶּתַח לִתְשׁוּבָה.**
>
> **וְזֶהוּ בְּחִינַת שִׁיר חָדָשׁ שֶׁנַּעֲשָׂה עַל יְדֵי לֵב נִשְׁבָּר, וְכִדְאִיתָא בְּסֵפֶר רַבִּי יֵיבֵ"י עַל פָּסוּק** (תהלים לג, ג) **'שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ נַגֵּן בִּתְרוּעָה' וְגוֹ', תְּרוּעָה הוּא מִלְּשׁוֹן** (תהלים ב, ט) **'תְּרוֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל' לְשׁוֹן שְׁבִירָה[ג] יְעוּיַּן שָׁם[ד].**
>
> **פֵּירוּשׁ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת לֵב נִשְׁבָּר נַעֲשָׂה אַחַר כָּךְ הַדִּיבּוּר בִּבְחִינַת שִׁיר חָדָשׁ.**
>
> **וּבִבְחִינַת דִּיבּוּר זֶה יֵשׁ בּוֹ כָּל הַג' בְּחִינַת מֹשֶׁה הַנַּ"ל.**
>
> **הַיְינוּ בִּתְחִילָּה מֵאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בְּחִינַת הִתְחַזְּקוּת כַּנַּ"ל וְנִקְרָא בְּחִינַת 'מְנוֹרָה'.**
>
> **וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁשּׁוֹקֵל בְּדַעְתּוֹ אִם אֱמֶת הוּא הַבְּחִינַת תְּשׁוּבָה וְשׁוֹקֵל מַה לְדַבֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ וְנִקְרָא בְּחִינַת 'שְׁקָלִים'.**
>
> ---
>
> ג. ראה מצודות דוד שם: תרועם - תשבר אותם, כמו המשבר מה בשבט ברזל.
>
> ד. זה לשונו בספר רב ייבי שם: שירו לו שיר חדש הטיבו נגן בתרועה, נ"ל בעזה"י דהנה אמרו רז"ל ע"פ (ישעיה סו, כב) 'השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה', אשר עשיתי לא נאמר אלא אשר אני עושה תדיר מאינון חדושין רזין דאורייתא, כמו שאיתא בזוהר (ח"א ה, א). והנה גם השירות ותשבחות כשיהיו בדחילו ורחימו נעשה מכל דבור ודבור יחוד למעלה, ונתחדש שם אור גדול כידוע, זהו שאמר 'שירו לו שיר חדש' דהיינו שישיר שיר ויהיה כונתו ליחד שמא דקב"ה ושכינתיה, ואז יתחדש למעלה אור גדול וחדש, ואז יהיה שמחה גדולה למעלה, אבל לא יהיה כונתו לפנייה ומחשבה אחרת שאז לא יפעול כלום למעלה, כי אם יהיה לו פנייה ומחשבה אחרת אינו עולה למעלה לפני הש"י, זהו שאמר 'הטיבו נגן בתרועה' כו' פי' הטיבו נגן שינקה הניגון והשירה מן הפסולת, שלא יהיה לו כוונתו לפנייה ומחשבה רעה, אלא יהיה כוונתו בשעה שמנגן השירה ליחד שמא דקב"ה ושכינתיה, והיאך יעשה שלא יהיה לו מחשבה זרה, לזה מפרש בתרועה מלשון 'תרועם בשבט ברזל' (תהלים ב, ט) פי' רש"י ז"ל תרועם תרוצצם, זהו פירוש בתרועה שישבר לבו לפני הש"י כשיבוא לזמר ולשורר לפני הש"י, ואז כשיהיה לו הכנעה לא יבוא לו מחשבה זרה ופניה רעה כו'. והביאו רבינו ג"כ לקמן פרשת פינחס ד"ה עוד יש לפרש, ובדרוש לשבת תשובה ד"ה כי ביום הזה עיי"ש.

**וְדִיבּוּר זֶה פּוֹעֵל בְּכָל הָעוֹלָמוֹת שֶׁיָּאִיר אוֹר ה' בָּהֶם** און אזא דִיבּוּר פועלט און מאכט אז די אוֹר ה' זאל לייכטן אין אלע וועלטן.

**וְנִכְנָסִין לְלֵב כָּל הַשּׁוֹמֵעַ לִפְתּוֹחַ לוֹ פֶּתַח לִתְשׁוּבָה** און אזא דיבור גייט אריין צו די הארץ פון יעדן איינעם וואס הערט אים צו אים צו עפענען א טיר צו תשובה.

## די בחינה פון שִׁיר חָדָשׁ

**וְזֶהוּ בְּחִינַת שִׁיר חָדָשׁ שֶׁנַּעֲשָׂה עַל יְדֵי לֵב נִשְׁבָּר** און דאס איז די בחינה פון שִׁיר חָדָשׁ וואס ווערט געמאכט דורך א לֵב נִשְׁבָּר.

**וְכִדְאִיתָא בְּסֵפֶר רַבִּי יֵיבֵ"י עַל פָּסוּק** (תהלים לג, ג) **'שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ נַגֵּן בִּתְרוּעָה' וְגוֹ'** און אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די ספר פון רב ייב"י אויף די פסוק אין תהלים 'זינגט צו אים א 'שִׁיר חָדָשׁ' (א נייע ליד) שפילט גוט מיט א קול פון 'תְּרוּעָה' – שאלונג'.

**תְּרוּעָה הוּא מִלְּשׁוֹן** (תהלים ב, ט) **'תְּרוֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל'** די ווארט (הֵיטִיבוּ נַגֵּן) בִּ'תְרוּעָה' קומט פון די לשון הפסוק אין תהלים 'תְּרוֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל' - 'צוברעך זיי מיט א אייזערנע שטעקן' וואס 'תְּרוּעָה' איז די זעלבע ווארט ווי 'תְּרוֹעֵם', **לְשׁוֹן שְׁבִירָה**[ד] וואס 'תְּרוֹעֵם' איז א לשון פון צוברעכן, **יְעוּיַּן שָׁם** קוק נאך אין רב ייבי די ווארט באריכות.

**פֵּירוּשׁ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת לֵב נִשְׁבָּר נַעֲשָׂה אַחַר כָּךְ הַדִּיבּוּר בִּבְחִינַת שִׁיר חָדָשׁ** דאס מיינט די פסוק צו זאגן 'שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ נַגֵּן בִּתְרוּעָה' אז דורך די בחינה פון לֵב נִשְׁבָּר – תְּרוּעָה - ווערט דערנאך די דיבור אין א בחינה פון שִׁיר חָדָשׁ.

## די דריי בחינות פון שִׁיר חָדָשׁ איז מרומז אין משה

**וּבִבְחִינַת דִּיבּוּר זֶה יֵשׁ בּוֹ כָּל הַג' בְּחִינַת מֹשֶׁה הַנַּ"ל** און די בחינה פון אזא דיבור איז דא אלע דריי בחינות וואס איז אויבענדערמאנט וואס ווערט אנגערופן מֹשֶׁה.

[משה] **הַיְינוּ בִּתְחִילָּה מֵאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ בְּחִינַת הִתְחַזְּקוּת כַּנַּ"ל** דאס מיינט אז קודם טוט אים דער באשעפער ארייננשיינען די בחינה פון הִתְחַזְּקוּת ווי אויבענדערמאנט, **וְנִקְרָא בְּחִינַת 'מְנוֹרָה'** און די בחינה ווערט אנגערופן די בחינה פון 'מְנוֹרָה' וואס טוט לייכטען.

[משה] **וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁשּׁוֹקֵל בְּדַעְתּוֹ אִם אֱמֶת הוּא הַבְּחִינַת תְּשׁוּבָה** און דערנאך ווען דער מענטש טראכט ביי זיך אויב ער טוט באמת תשובה, **וְשׁוֹקֵל מַה לְדַבֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ** און ער טראכט וואס צו רעדן פארן באשעפער,

---

ד. אזוי שטייט דארט אין מצודות דוד: **תרועם - תשבר אותם** [די ווארט 'תרועם' מיינט צוברעך זיי], **כמו המשבר מה בשבט ברזל** [אזוי ווי איינער צוברעכט עפעס מיט א אייזערנע שטעקן].

וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנַּעֲשָׂה הַדִּיבּוּר בִּבְחִינַת שִׁיר חָדָשׁ נִקְרָא בְּחִינַת 'הַחוֹדֶשׁ'.

וּבִבְחִינָה זוּ 'נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה', לְשׁוֹן הֶיקֵּשׁ וְדִמְיוֹן, שֶׁנִּתְדַּמָּה מֹשֶׁה לִבְחִינַת הַקְּדוֹשָׁה כִּבְיָכוֹל לְהוֹלִיד שִׁיר חָדָשׁ עַל יְדֵי בְּחִינַת דִּיבּוּר הַנַּ"ל בִּבְחִינַת מֹשֶׁה כַּנַּ"ל.

שֶׁיִּהְיוּ דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב, פֵּירוּשׁ שֶׁיּוֹצְאִים מִן בְּחִינַת הֵ"א לֵב, שֶׁבִּתְחִילָּה הָיָה בִּבְחִינַת הֵ"א שֶׁמְּרַמֵּז לִבְחִינַת תְּשׁוּבָה, לִפְתּוֹחַ לוֹ פֶּתַח לִתְשׁוּבָה[ה], וְאַחַר כָּךְ הָיָה בְּחִינַת לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה.

וְהַדִּיבּוּרִים הַיּוֹצְאִים מִן בְּחִינוֹת אֵלּוּ הֵם נִכְנָסִים לְלֵב כָּל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל וּמְעוֹרֵר לִבָּם לִתְשׁוּבָה.

וְזֶהוּ שֶׁלִּפְעָמִים נִתְעוֹרֵר לֵב יִשְׂרָאֵל פִּתְאוֹם לִתְשׁוּבָה, זֶה נַעֲשָׂה וְנִתְעוֹרֵר עַל יְדֵי הַצַּדִּיק שֶׁיּוֹצְאִים דִּיבּוּרִים קְדוֹשִׁים מִפִּיו בְּאֵימָה וְיִרְאָה,

ה. מנחות כט, ב: ומפני מה נברא העולם הזה בה"י מפני שדומה לאכסדרה שכל הרוצה לצאת יצא, ומאי טעמא תליא כרעיה, דאי הדר בתשובה מעיילי ליה [בפתח העליון בין רגל שבתוכו לגגו, רש"י].

**וְנִקְרָא בְּחִינַת 'שְׁקָלִים'** און די בחינה ווערט אנגערופן די בחינה פון 'שְׁקָלִים'.

[משה] **וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁנַּעֲשָׂה הַדִּיבּוּר בִּבְחִינַת שִׁיר חָדָשׁ נִקְרָא בְּחִינַת 'הַחוֹדֶשׁ'** און דערנאך ווען די דיבור ווערט אין די בחינה פון שִׁיר חָדָשׁ ווערט עס אנגערופן מיט די בחינה פון 'הַחוֹדֶשׁ'.

## וואס מיינט דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב

**וּבִבְחִינָה זוּ 'נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה'** און צוצוקומען צו די בחינה איז געווען 'נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה', **לְשׁוֹן הֶיקֵּשׁ וְדִמְיוֹן** וואס די ווארט 'נִתְקַשָּׁה' איז אויך א לשון פון זיך פארגלייכן און זיך מאכן אויסזעהן, **שֶׁנִּתְדַּמָּה מֹשֶׁה לִבְחִינַת הַקְּדוֹשָׁה כִּבְיָכוֹל לְהוֹלִיד שִׁיר חָדָשׁ** אז משה האט זיך צוגעגליכן צו די בחינה פון קדושה צו געבוירן און מחדש זיין די בחינה פון שִׁיר חָדָשׁ, **עַל יְדֵי בְּחִינַת דִּיבּוּר הַנַּ"ל בִּבְחִינַת מֹשֶׁה כַּנַּ"ל** דורך די אויבענדערמאנטע בחינה פון דִּיבּוּר וואס איז אין די בחינה פון 'מֹשֶׁה' ווי אויבענדערמאנט.

**שֶׁיִּהְיוּ דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב** אז זיינע ווערטער זאלן זיין ווערטער וואס גייען ארויס פון הַלֵּב – די הארץ, **פֵּירוּשׁ שֶׁיּוֹצְאִים מִן בְּחִינַת הֵ"א לֵב**[ה] דאס מיינט אז די ווערטער קומען ארויס פון די בחינה פון **'הֵ"א לֵב'**.

**שֶׁבִּתְחִילָּה הָיָה בִּבְחִינַת הֵ"א שֶׁמְּרַמֵּז לִבְחִינַת תְּשׁוּבָה** ווייל פון אנפאנג איז ער געווען אין די בחינה פון 'ה' וואס איז מרמז צו די בחינה פון תשובה, **לִפְתּוֹחַ לוֹ פֶּתַח לִתְשׁוּבָה**[ו] אים אויפצומאכן א טיר צו תשובה.

**וְאַחַר כָּךְ הָיָה בְּחִינַת לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה** און דערנאך איז ער געווען אין א בחינה פון א לֵב נִשְׁבָּר און אונטערטעניגט.

**וְהַדִּיבּוּרִים הַיּוֹצְאִים מִן בְּחִינוֹת אֵלּוּ הֵם נִכְנָסִים לְלֵב כָּל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל וּמְעוֹרֵר לִבָּם לִתְשׁוּבָה** און די דיבורים וואס גייען ארויס פון א מויל וואס האט אין זיך די אלע דערמאנטע בחינות זיי גייען אריין אין די הערצער פון כנסת ישראל און דערוועקט זייער הארץ צו תשובה.

[ד]

## די כח פון דיבורים פון צדיקים

**וְזֶהוּ שֶׁלִּפְעָמִים נִתְעוֹרֵר לֵב יִשְׂרָאֵל פִּתְאוֹם לִתְשׁוּבָה** און דאס איז וואס צומאל ווערט דערוועקט א יודישע הארץ צו תשובה, **זֶה נַעֲשָׂה וְנִתְעוֹרֵר עַל יְדֵי הַצַּדִּיק שֶׁיּוֹצְאִים דִּיבּוּרִים קְדוֹשִׁים מִפִּיו בְּאֵימָה וְיִרְאָה** און דאס געשעהט און דערוועקט דורך די ווערטער וואס די צדיקים רעדן ארויס פון זייער מויל מיט א ציטער און פחד פארן באשעפער.

ה. די ווארט הַלֵּב איז אזוי ווי מען זאגט 'הֵ"א לֵב'.

ו. די גמרא אין מס' מנחות (כט, ב) זאגט: **ומפני מה נברא העולם הזה בה"י** [פארוואס איז די וועלט באשאפן געווארן מיט א 'ה'], **מפני שדומה לאכסדרה שכל הרוצה לצאת יצא** [ווייל עס איז גלייך צו א פאדער צימער וואס ווער עס וויל קען ארויסגיין דערפון], **ומאי טעמא תליא כרעיה** [און פארוואס איז הענגענדיג די פיס פון די 'ה'], **דאי הדר בתשובה מעיילי ליה** [ווייל אויב ער טוט תשובה לאזט מען אים צוריק אריין פון די העכערע עפענונג פון צווישן די פיס און די דאך פון די 'ה' - רש"י].

> וְדִיבּוּרִים אֵלּוּ מִתְדַּבְּקִים בְּנִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ שֶׁיֵּשׁ בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל שֶׁדָּבוּק בְּבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים ד, ד) 'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹהֵיכֶם' וְגוֹ'.
>
> וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר הַנִּיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ וְנִתְעוֹרֵר לִבָּם לִתְשׁוּבָה פִּתְאוֹם, וְנִכְסְפָה גַּם כָּלְתָה נַפְשָׁם שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַה', כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים פד, ג) 'נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי' וְגוֹ'.
>
> הַיְינוּ שֶׁיִּשְׂרָאֵל הָעוֹבְדִים ה' בִּבְחִינַת כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ, בְּחִינַת מ"ן[ו] לַה' וְנִקְרָאִים בְּחִינַת כַּלָּה, מִלְּשׁוֹן כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ.
>
> וּמַה שֶּׁהָיָה בִּתְחִילָּה בְּחִינַת נְקוּדָה בִּלְבָד הַיְינוּ שֶׁהָיָה בְּחִינַת נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ הַנַּ"ל, נִכְנַס לִבְחִינַת חוּפָּה גִּימַטְרִיָּא צ"ט וְנַעֲשָׂה מֵאָה שֶׁהוּא בְּחִינַת קְדוּשָּׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת כַּלָּה לְחוּפָּה[ז].
>
> ו. כלות הנפש הוא ענין העלאה ממטה למעלה, שהוא ענין העלאת מיין נוקבין.
>
> ז. ר"ל כשהניצוץ הקדוש מתעורר ונעשה בחינת כלה שהוא העבודה דהעלאת מ"ן בכלות הנפש, הוא בחינת חיבור וחופה, שעי"ז מגיע לבחינת מאה בחינת קדושה.

**וְדִיבּוּרִים אֵלּוּ מִתְדַּבְּקִים בְּנִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ שֶׁיֵּשׁ בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל שֶׁדָּבוּק בְּבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא** און די ווערטער פון די צדיקים קלעבן זיך אן אין די נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ וואס איז דא אין כלל ישראל וואס די נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ איז באהאפטן אינעם באשעפער, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (דברים ד, ד) **'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹהֵיכֶם' וְגוֹ'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און עטס זענט באהאפטן אין דעם אייבערשטן ענקער באשעפער'.

**וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר הַנִּיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ וְנִתְעוֹרֵר לִבָּם לִתְשׁוּבָה פִּתְאוֹם** און דורכדעם (די ווערטער פון די צדיקים) ווערט דערוועקט אין די יודן די נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ און פלוצלינג ווערט דערוועקט זייער הארץ צו תשובה, **וְנִכְסְפָה גַּם כָּלְתָה נַפְשָׁם שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַה'** און די זעל (נשמה) פון די יודן גלוסט און גייט אויס פארן באשעפער, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (תהלים פד, ג) **'נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי' וְגוֹ'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין תהלים 'מיין זעהל גלוסט און גייט אויס פארן באשעפער'.

## די בחינה פון כַּלָּה מיינט די עבודה פון כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ

**הַיְינוּ שֶׁיִּשְׂרָאֵל הָעוֹבְדִים ה' בִּבְחִינַת כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ** דאס מיינט אז די יודן וואס דינען דעם באשעפער מיט א בחינה פון כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ, **בְּחִינַת מ"ן[ז] לַה'** וואס די בחינה פון 'כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ' ווערט אנגערופן די בחינה פון 'מיין נוקבין' צום באשעפער.

**וְנִקְרָאִים בְּחִינַת כַּלָּה** און זיי ווערן אנגערופן מיט די בחינה פון כַּלָּה, **מִלְּשׁוֹן כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ** וואס די ווארט 'כַּלָּה' איז פון די שורש פון 'כְּלוֹת' וואס מיינט אויסגיין פון די זעהל - כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ.

## די פונק פייער וואס צופלאמט זיך אונטער די חוּפָּה

**וּמַה שֶּׁהָיָה בִּתְחִילָּה בְּחִינַת נְקוּדָה בִּלְבָד** און דאס וואס איז פון אנפאנג געווען נאר א פינטעלע א בחינה פון א נְקוּדָה, **הַיְינוּ שֶׁהָיָה בְּחִינַת נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ הַנַּ"ל** וואס דאס איז ווי אויבענדערמאנט די בחינה פון א נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ – און דאס ווערט גערעכנט פאר נומער איינס, **נִכְנַס לִבְחִינַת חוּפָּה גִּימַטְרִיָּא צ"ט** די פונק (נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ) גייט אריין אין די בחינה פון 'חוּפָּה' - וואס אזוי ווי א חוּפָּה פאראייניגט די חתן כלה אזוי טוט זיך די פונק (נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ) פונעם מענטש פאראייניגן מיט די בחינה פון קדושה וואס הייסט **'חוּפָּה'** און איז בגמטריא ניין און ניינציג (99), **וְנַעֲשָׂה מֵאָה שֶׁהוּא בְּחִינַת קְדוּשָּׁה** און אזוי ווערט עס הונדערט וואס די נומער הונדערט איז מרמז צו די בחינת קדושה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת כַּלָּה לְחוּפָּה**[ח] און דאס מיינט אין עבודת השם די בחינה פון כַּלָּה לְחוּפָּה.

ז. די בחינה פון 'כלות הנפש' ווערט אנגערופן 'מיין נוקבין' וואס דאס איז א מושג וואס מיינט די עבודה וואס אונז טוען אויף די וועלט און עס גייט ארויף צום באשעפער.

ח. דאס מיינט צו זאגן אז די ניצוץ הקדוש (כלות הנפש) וואס איז א בחינת 'כלה' וואס ווערט פאראייניגט מיט די בחינת קדושה בכלליות וואס איז מרומז אין די בחינה פון 'חופה', וואס דורך דעם קומט מען אן צו די בחינת 'מאה' וואס איז א בחינת קדושה.

וְזֶהוּ 'מָה ה' אֱלֹהֶיךָ שׁוֹאֵל מֵעִמָּךְ' וְגוֹ' (דברים י, יב), אַל תִּקְרֵי מָה אֶלָּא מֵאָה (מנחות מג: וברש"י שם ד"ה מה).

רָצָה לוֹמַר שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת 'מָה' בְּחִינַת עֲנָוָה הַנַּ"ל שֶׁהָיָה בִּתְחִילָּה בְּחִינַת לֵב נִשְׁבָּר, וְעַל יְדֵי זֶה יָצְאוּ אַחַר כָּךְ דְּבָרִים מִן הַלֵּב הַנַּ"ל בִּבְחִינַת כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ, יִכָּנְסוּ לְחוּפָּה שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשָׂה מִבְּחִינַת נְקוּדָה לְבַד יַעֲלֶה מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא עַד מֵאָה בְּחִינַת קְדוּשָּׁה.

וּמַה שֶּׁהָיָה בִּתְחִילָּה בְּחִינַת גַּסּוּת הָרוּחַ בְּחִינַת גַּס בְּחִינַת כּוּלּוֹ סָג[ח], יִתְמַלֵּא עִם בְּחִינַת הַלֵּב[ט] וְיִהְיֶה גִּימַטְרִיָּא מֵאָה בְּחִינַת קְדוּשָּׁה.

וְזֶהוּ שֶׁאִיתָא בַּגְּמָרָא (שבת קמז:) ר' אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲרָךְ אִיקְלַע לְהָתָם אִימְשִׁיךְ בַּתְרַיְיהוּ אִיעֲקַר תַּלְמוּדֵיהּ וּבָעֵי לְמִקְרֵי 'הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם' (שמות יב, ב) וְאָמַר 'הַחֵרֵשׁ הָיָה לִבָּם'.

ח. ע"פ תהלים נג, ד: 'כלו סג יחדיו'.

ט. ר"ל 'סג' יחד עם תיבת 'הלב' שהוא מנין ל"ז עולה למספר מאה.

## פשט אין מאחז"ל אַל תִּקְרֵי מָה אֶלָּא מֵאָה

**וְזֶהוּ 'מָה ה' אֱלֹהֶיךָ שׁוֹאֵל מֵעִמָּךְ' וְגוֹ'** (דברים י, יב) און דאס איז פשט וואס עס שטייט אין פסוק 'און יעצט יודן - מָה - וואס בעט דער באשעפער פון ענק', **אַל תִּקְרֵי מָה אֶלָּא מֵאָה** (מנחות מג: וברש"י שם ד"ה מה) און די גמרא זאגט אז מען זאל נישט לייענען די פסוק אזוי ווי עס שטייט 'מָה' נאר אזוי ווי עס שטייט 'מֵאָה'.

**רָצָה לוֹמַר שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת 'מָה' בְּחִינַת עֲנָוָה הַנַּ"ל שֶׁהָיָה בִּתְחִילָּה בְּחִינַת לֵב נִשְׁבָּר** די פסוק מיינט צו זאגן אז דורך די בחינה פון 'מָה' וואס דאס איז די אויבענדערמאנטע בחינה פון ענוה וואס ער איז קודם געווען אין די בחינה פון א לֵב נִשְׁבָּר, **וְעַל יְדֵי זֶה יָצְאוּ אַחַר כָּךְ דְּבָרִים מִן הַלֵּב הַנַּ"ל בִּבְחִינַת כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ** און דורכדעם איז דערנאך ארויסגעגאנגען די ווערטער 'מִן הַלֵּב' (פון די הארץ) וואס ווי אויבענדערמאנט איז די בחינה פון 'מִן הַלֵּב' מרמז אויף די בחינה פון כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ (אויסצוגייען פון ליבשאפט צו השי"ת), **יִכָּנְסוּ לְחוּפָּה** דורכדעם וועלן זיי אריינגיין אין די בחינת חוּפָּה.

**שֶׁיִּהְיֶה נַעֲשָׂה מִבְּחִינַת נְקוּדָה לְבַד יַעֲלֶה מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא עַד מֵאָה בְּחִינַת קְדוּשָּׁה**[ט] וואס פון די נְקוּדָה (פינטעלע) אליין וועט ער ארויפגיין פון איין מדריגה צו נאך א מדריגה ביז ער וועט אנקומען צו 'מֵאָה' (הונדערט) די בחינה פון קדושה.

## די פאראייניגונג פון 'גַּס' - 'הַלֵּב'

**וּמַה שֶּׁהָיָה בִּתְחִילָּה בְּחִינַת גַּסּוּת הָרוּחַ בְּחִינַת גַּס** און דאס וואס ער איז קודם געווען אין די בחינה פון גאוה וואס הייסט 'גַּס', **בְּחִינַת כּוּלּוֹ סָג** וואס די בחינה פון 'גַּס' (גאוה) איז די זעלבע אותיות פון 'סָג' און איז מרומז אין די פסוק אין תהלים 'כּוּלּוֹ סָג' - 'זיי האבן זיך אלע אפגעקערט (פונעם גוטן וועג)', **יִתְמַלֵּא עִם בְּחִינַת הַלֵּב**[יא] און די בחינה פון 'גַּס' טוט זיך פאראייניגן מיט די בחינה פון 'הַלֵּב' - וואס מיינט אז דורך זיין תשובה וועט זיין נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ דערוועקט ווערן און זיך פאראייניגן מיט די בחינה פון 'כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ' וואס איז מרומז אין דיווארט הַלֵּב, **וְיִהְיֶה גִּימַטְרִיָּא מֵאָה בְּחִינַת קְדוּשָּׁה** און צוזאמען זענען די צווי ווערטער 'גַּס' - 'הַלֵּב' בגימטריא הונדערט (100) וואס איז א בחינה פון קדושה.

## די מעשה מיט ר' אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲרָךְ

**וְזֶהוּ שֶׁאִיתָא בַּגְּמָרָא** (שבת קמז:) **ר' אֱלִיעֶזֶר בֶּן עֲרָךְ אִיקְלַע לְהָתָם** און דאס איז וואס עס שטייט אין די גמרא אז ר' אלעזר בן ערך איז געגאנגען צו די שטאט דיומסיס וואס איז געווען פול מיט גוטע עסן, **אִימְשִׁיךְ בַּתְרַיְיהוּ** איז ער געווארן נאכגעצויגן נאך זיי, **אִיעֲקַר תַּלְמוּדֵיהּ** און ער האט פארגעסן די לערנען, **וּבָעֵי לְמִקְרֵי 'הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם'** (שמות יב, ב) **וְאָמַר 'הַחֵרֵשׁ הָיָה לִבָּם'**[יב] און ער האט געוואלט לייענען די פרשה פון 'הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם' טון ער האט בטעות געזאגט 'הַחֵרֵשׁ הָיָה לִבָּם'.

ט. און דאס מיינען חכז"ל צו זאגן אַל תִּקְרֵי מָה אֶלָּא מֵאָה, אז דורך די בחינה 'מה' - ענוה - וועט ער צוקומען צו די בחינת 'מֵאָה' די בחינת קדושה.

י. לויט די פסוק אין תהלים (נג, ד): 'כלו סג יחדיו'.

יא. דאס מיינט אז 'סג' וואס איז בגמטריא 63 מיט די ווארט 'הלב' וואס איז בגמטריא 37 איז צוזאמען בגימטריא 100 - מאה.

יב. דאס מיינט ער האט פארטוישט די 'ד' פון די ווארט הַחֹדֶשׁ מיט א 'ר'.

**פֵּירוּשׁ שֶׁקּוֹדֶם קְרִיאָתוֹ בַּתּוֹרָה הָיָה לוֹ בְּחִינַת הִתְבּוֹנְנוּת** **כַּנַּ"ל** דאס מיינט אז פארן לערנען די תורה האט ער געהאט די אויבענדערמאנטע בחינה פון הִתְבּוֹנְנוּת, **עַל כָּל הַמַּעֲשִׂים וְהַמַּחְשָׁבוֹת שֶׁחָלְפוּ וְעָבְרוּ מִקּוֹדֶם כַּנַּ"ל**[יג] אויף אלע זיינע מעשים און מחשבות וואס זענען אריבער אויף אים פון פריעהר ווי עס איז אויבענדערמאנט, **וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת חֵרֵשׁ שֶׁאֵינוֹ מְדַבֵּר מֵחֲמַת אֵימָה וָפַחַד לִפְנֵי ה'** און ער איז געווארן אין די בחינה פון א 'חֵרֵשׁ' ווי ער וואלט געווען שטים וואס ער קען נישט רעדן – צוליב די פחד וואס ער האט באקומען פארן באשעפער.

**וְאַחַר כָּךְ הָיָה הַדִּיבּוּר בִּבְחִינַת 'הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם'** און דערנאך וואס ער האט זיך מחזק געווען האט ער שוין געקענט לייענען 'הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם', **שֶׁנַּעֲשָׂה הַדִּיבּוּר בִּבְחִינַת הִתְחַדְּשׁוּת כַּנַּ"ל** אז זיין דיבור איז געווארן אין א בחינה פון הִתְחַדְּשׁוּת ווי אויבענדערמאנט, **בְּחִינַת דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב כַּנַּ"ל**[יד] וואס דאס איז די בחינה פון 'דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב' ווי אויבענדערמאנט.

פֵּירוּשׁ שֶׁקּוֹדֶם קְרִיאָתוֹ בַּתּוֹרָה הָיָה לוֹ בְּחִינַת הִתְבּוֹנְנוּת כַּנַּ"ל, עַל כָּל הַמַּעֲשִׂים וְהַמַּחְשָׁבוֹת שֶׁחָלְפוּ וְעָבְרוּ מִקּוֹדֶם כַּנַּ"ל.

וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת חֵרֵשׁ שֶׁאֵינוֹ מְדַבֵּר מֵחֲמַת אֵימָה וָפַחַד לִפְנֵי ה'.

וְאַחַר כָּךְ הָיָה הַדִּיבּוּר בִּבְחִינַת 'הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם' שֶׁנַּעֲשָׂה הַדִּיבּוּר בִּבְחִינַת הִתְחַדְּשׁוּת כַּנַּ"ל, בְּחִינַת דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב כַּנַּ"ל.

וּבְחִינָה זוֹ[י] נַעֲשָׂה בְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִסָּן גִּימַטְרִיָּא ה' פְּעָמִים ל"ב, שֶׁמְּרַמֵּז לִבְחִינַת ה' לֵ"ב הַנַּ"ל.

וְגָרַם זֶה[יא] מֵחֲמַת שֶׁבּוֹ הוּקַם הַמִּשְׁכָּן (שמות מ, יז)[יב], וְשָׁכַן עָלָיו הֶעָנָן (שם פסוק לד), וְלֹא יָכוֹל מֹשֶׁה לָבֹא וְגוֹ' (שם פסוק לה), וְיָדַע מֹשֶׁה שֶׁלֹּא יוּכַל לִכָּנֵס מֵחֲמַת קַטְנוּת שֶׁלּוֹ שֶׁסֵּירֵב בִּשְׁלִיחָתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא[יג].

י. ר"ל בחינת ההתחדשות.

יא. ר"ל בחינת התחדשות זו נגרם בראש חודש מחמת הענוה של משה, שע"י זה היה הדיבור יוצא מפי משה בכלות הנפש ונעשו ישראל בבחינת כלה, וכפי שממשיך רבינו לבאר.

יב. בפסוק שם: 'ויהי בחודש הראשון בשנה השנית באחד לחודש הוקם המשכן'.

יג. ראה זבחים קב, א: 'ויחר אף ה' במשה', רבי יהושע בן קרחה אומר כל חרון אף שבתורה נאמר בו רושם וזה לא נאמר בו רושם, רבי שמעון בן יוחי אומר אף זה נאמר בו רושם, שנאמר (שמות ד, יד) 'הלא אהרן אחיך הלוי', והלא כהן הוא, הכי קאמר אני אמרתי אתה כהן והוא לוי, עכשיו הוא כהן ואתה לוי.

[ה']

## די בחינה פון רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִסָּן

**וּבְחִינָה זוֹ**[טו] **נַעֲשָׂה בְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִסָּן גִּימַטְרִיָּא ה' פְּעָמִים ל"ב** און די בחינה פון 'התחדשות' געשעהט ראש חודש ניסן וואס דיווארט 'נִסָּן' איז בגמטריא פינעף מאל די ווארט ל"ב, **שֶׁמְּרַמֵּז לִבְחִינַת ה' לֵ"ב הַנַּ"ל**[טז] וואס די גמטריא איז מרמז צו די אויבענדערמאנטע בחינה פון 'הַ-לֵּב'.

**וְגָרַם זֶה**[יז] **מֵחֲמַת שֶׁבּוֹ הוּקַם הַמִּשְׁכָּן** (שמות מ, יז)[יח] און דאס איז געשעהן אין די טאג פון ראש חודש ניסן ווייל אין די טאג איז אויפגעשטעלט געווארן די משכן, **וְשָׁכַן עָלָיו הֶעָנָן** (שם פסוק לד) און די וואלקן פונעם באשעפער האט גערוהט אויף אים, **וְלֹא יָכוֹל מֹשֶׁה לָבֹא וְגוֹ'** (שם פסוק לה) און משה האט נישט געקענט אריינגיין אינעם אהל מועד.

**וְיָדַע מֹשֶׁה שֶׁלֹּא יוּכַל לִכָּנֵס מֵחֲמַת קַטְנוּת שֶׁלּוֹ שֶׁסֵּירֵב בִּשְׁלִיחָתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** און משה האט געוויסט אז ער האט אין זיך א קליינע בחינה (א בְּחִינַת קַטְנוּת) אויף וואס ער ווערט באשטראפט און וואס האלט אים צוריק נישט אריינגיין אינעם אהל מועד און דאס איז צוליב וועגן וואס ער האט קודם אפגעזאגט דעם באשעפער פון אננעמען די שליחות צו גיין צו די יודן.

יג. זעה אויבן אות ב' אונטערן קעפל 'תְּשׁוּבָה און הִתְחַזְּקוּת פארן דאווענען'.

יד. ווי ערקלערט עטלכע מאל אויבן באריכות אין אות ג'.

טו. דאס מיינט זיך צו מעורר זיין אנצוקומען צו די בחינה פון לב נשבר און התחזקות און צו דאווענען און לערנען מיט די די בחינה פון 'ההתחדשות'.

טז. וואס 'ה' מיינט תשובה, און 'לֵב' מיינט א לב נשבר (זעה אויבן אין אות ג' אונטערן קעפל 'וואס מיינט דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב').

יז. דאס מיינט אז די בחינה געשעהט און ווערט אויפגעוועקט אין ראש חודש ניסן וועגן דעמאלסט איז געשעהן בפועל די ענוה פון משה, וואס דורכדעם וואס משה האט גערעדט מיט די בחינה פון 'כלות הנפש' דורכדעם האט זיך אויפגעוועקט די נקודה אין די יודן'ס הארץ און זיי זענען געווארן אין א בחינת כלה.

יח. ווי עס שטייט דארט אין פסוק: 'ויהי בחודש הראשון בשנה השנית באחד לחודש הוקם המשכן'.

וְלָכֵן נִכְתַּב בַּתּוֹרָה 'וַיִּקְרָא' (ויקרא א, א) **בְּא' זְעִירָא.**

וּבַעֲבוּר זֶה נִכְנַע מֹשֶׁה מְאוֹד וְהָיָה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר, וְעַל יְדֵי זֶה הָיָה הַדִּיבּוּר יוֹצֵא מִפִּיו בִּבְחִינַת מֹשֶׁה כַּנַּ"ל בִּבְחִינַת כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ.

וְנִכְנְסוּ דִּיבּוּרִים אֵלּוּ שֶׁלּוֹ הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב לְלֵב כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל וְנִתְעוֹרֵר לִבָּם לִתְשׁוּבָה, וְנַעֲשׂוּ בְּחִינַת כַּלָּה בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ לַה'.

וּמַה שֶּׁהָיָה וְהוּקַם בִּתְחִילָּה בְּחִינַת נְקוּדָּה בִּלְבָד נִכְנַס לְחוּפָּה וְנִתְעַלָּה עַד מֵאָה לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה, וְהוּקַם הַמִּשְׁכָּן.

וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן' וְגוֹ', וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּיוֹם שֶׁהוּקַם הַמִּשְׁכָּן נַעֲשׂוּ יִשְׂרָאֵל כְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לְחוּפָּה.

שֶׁדָּרְשׁוּ אֶת הַפָּסוּק שֶׁבַּיּוֹם הַזֶּה נַעֲשָׂה בְּיִשְׂרָאֵל בְּחִינַת 'כַּלּוֹת', בְּחִינַת כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ עַל יְדֵי בְּחִינַת דִּיבּוּר שֶׁל 'מֹשֶׁה' שֶׁהָיָה בְּג' בְּחִינַת הַנַּ"ל מְנוֹרָה שְׁקָלִים הַחֹדֶשׁ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מֹשֶׁה כַּנַּ"ל[יד].

וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר לִבָּם שֶׁל יִשְׂרָאֵל לִתְשׁוּבָה, וְנִכְנְסוּ לְחוּפָּה וְנַעֲשׂוּ בְּחִינַת מֵאָה בְּחִינַת כַּלָּה לְחוּפָּה כַּנַּ"ל,

יד. וזהו 'ויהי ביום כלות משה' היינו 'ביום כלות' הנפש של ישראל, שנעשה על ידי בחינת 'משה'.

## די קליינע 'א' פון ויקרא

**וְלָכֵן נִכְתַּב בַּתּוֹרָה 'וַיִּקְרָא'** (ויקרא א, א) **בְּא' זְעִירָא** און דערפאר שטייט אין תורה די ווארט 'וַיִּקְרָא' מיט א קליינע 'א' צו מרמז זיין אויף די לֵב נִשְׁבָּר פון משה רבינו.

**וּבַעֲבוּר זֶה נִכְנַע מֹשֶׁה מְאוֹד וְהָיָה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר** און דערפאר איז משה רבינו געווען זייער אונטערטעניגט און האט געהאט א לֵב נִשְׁבָּר, **וְעַל יְדֵי זֶה הָיָה הַדִּיבּוּר יוֹצֵא מִפִּיו בִּבְחִינַת מֹשֶׁה כַּנַּ"ל בִּבְחִינַת כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ** און דורכדעם זענען די דיבורים ארויסגעקומען פון משה רבינו'ס הארץ ווי אויבענדערמאנט מיט די בחינה פון כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ, **וְנִכְנְסוּ דִּיבּוּרִים אֵלּוּ שֶׁלּוֹ הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב לְלֵב כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל** און זיינע דיבורים וואס זענען געווען 'יוֹצְאִים מִן הַלֵּב' זענען אריין אין די הערצער פון די יודישע קינדער, **וְנִתְעוֹרֵר לִבָּם לִתְשׁוּבָה** און זייער הארץ איז דערוועקט געווארן צו תשובה, **וְנַעֲשׂוּ בְּחִינַת כַּלָּה בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ לַה'** און דורך די כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ זענען די יודן געווארן אין די בחינה פון א 'כַּלָּה'.

**וּמַה שֶּׁהָיָה וְהוּקַם בִּתְחִילָּה בְּחִינַת נְקוּדָּה בִּלְבָד** און וואס עס איז אנפאנג געווען נאר א בחינה פון א נְקוּדָּה פון אהבה צום באשעפער, **נִכְנַס לְחוּפָּה וְנִתְעַלָּה עַד מֵאָה לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה** איז יעצט אריין אין די בחינת חוּפָּה און זיי זענען ארויפגעגאנגען אין די בחינת קדושה ביז די בחינת מֵאָה, **וְהוּקַם הַמִּשְׁכָּן** און אזוי איז די משכן אויפגעשטעלט געווארן.

## פשט אין פסוק 'וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה'

**וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן' וְגוֹ'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט 'און עס איז געווען אין די טאג [ראש חודש ניסן] וואס משה רבינו האט געענדיגט צו אויפשטעלן די משכן', **וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּיוֹם שֶׁהוּקַם הַמִּשְׁכָּן נַעֲשׂוּ יִשְׂרָאֵל כְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לְחוּפָּה** און חז"ל האבן גע'דרשנ'ט אז אין די טאג וואס די משכן איז אויפגעשטעלט געווארן זענען די יודן געווען צוגעגליכן ווי א כלה וואס גייט צו די חוּפָּה.

**שֶׁדָּרְשׁוּ אֶת הַפָּסוּק שֶׁבַּיּוֹם הַזֶּה נַעֲשָׂה בְּיִשְׂרָאֵל בְּחִינַת 'כַּלּוֹת'** וואס זיי האבן גע'דרש'נט די ווערטער פון די פסוק 'בְּיוֹם כַּלּוֹת' אז ס'מיינט צו זאגן אז אין די טאג איז געווארן ביי די יודן די בחינה פון 'כַּלּוֹת', **בְּחִינַת כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ** וואס דאס מיינט די בחינה פון 'כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ' אז די זעהל גייט אויס פון אהבה צום באשעפער.

**עַל יְדֵי בְּחִינַת דִּיבּוּר שֶׁל 'מֹשֶׁה'** און דאס איז געווען דורך די בחינה פון די דיבור פון משה רבינו, **שֶׁהָיָה בְּג' בְּחִינַת הַנַּ"ל מְנוֹרָה שְׁקָלִים הַחֹדֶשׁ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מֹשֶׁה כַּנַּ"ל**[יט] וואס משה'ס דיבורים איז געווען אין די אויבענדערמאנטע דריי בחינות מְנוֹרָה שְׁקָלִים הַחֹדֶשׁ וואס איז די ראשי תיבות פון זיין נאמען 'משה'.

**וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר לִבָּם שֶׁל יִשְׂרָאֵל לִתְשׁוּבָה** און דורך דעם איז דערוועקט געווארן די יודישע הערצער צו תשובה, **וְנִכְנְסוּ לְחוּפָּה** און זיי זענען אריין אין די בחינת חוּפָּה, **וְנַעֲשׂוּ בְּחִינַת מֵאָה** און עס איז געווארן די בחינה פון מֵאָה, **בְּחִינַת כַּלָּה לְחוּפָּה כַּנַּ"ל** וואס דאס איז די אויבענדערמאנטע בחינה פון כַּלָּה לְחוּפָּה,

יט. און דאס מיינט די פסוק צו זאגן: 'ויהי ביום כלות משה' דאס מיינט '**ביום**' אין דעם טאג וואס די יודן זענען געווען אין די בחינה פון '**כלות** הנפש', וואס זיי זענען צוגעקומען דורך די בחינה פון '**משה**'.

**וְהָיוּ בָּאִים לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה** און זיי זענען צוגעקומען צו די בחינה פון קדושה, **וְעַל יְדֵי זֶה הוּקַם הַמִּשְׁכָּן**[כ] און דורך דעם איז אויפגעשטעלט געווארן די משכן.

## "כַּלַּת" כְּתִיב - כְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לַחֻפָּה

**וְעַל יְדֵי מֹשֶׁה**[כא] **שֶׁהִמְשִׁיךְ אֶת הָאוֹר ה' מִלְמַעְלָה** און דורך משה וואס האט ממשיך געווען די 'אור השם' פון אויבן, **בִּבְחִינַת וָא"ו בְּחִינַת שׁוֹפָר**[כב] וואס דאס איז א בחינה פון די אות 'ו' - א בחינה פון א שופר, **שֶׁמְּעוֹרֵר לִבָּם לִתְשׁוּבָה** וואס האט דערוועקט די יודישע הערצער צו תשובה, **וְנַעֲשָׂה מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאָמַרְתְּ** (שבת קא:) און דאס איז וואס חז"ל זאגן זאגן אויף די דיבורים פון משה רבינו 'מֹשֶׁה - שַׁפִּיר קָאָמַרְתְּ' וואס מיינט אז דורך די בחינת 'מֹשֶׁה' איז 'שַׁפִּיר קָאָמַרְתְּ' זאגט ער גוט.

**עַל כֵּן כְּתִיב וָא"ו בְּתֵבַת כַּלּוֹת**[כג] און דערפאר שטייט די ווארט כַּלּוֹת מיט א ו', **שֶׁהַוָא"ו מְרַמֵּז לִבְחִינַת הַמְשָׁכָה מִלְמַעְלָה לְכָל יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי מֹשֶׁה כַּנַּ"ל** ווייל די אות ו' איז מרמז אויף די בחינת 'הַמְשָׁכָה' אראפברענגען די 'אוֹר השם' פון אויבן ווי אויבענדערמאנט דורך משה צו אלע יודן.

וְהָיוּ בָּאִים לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה, וְעַל יְדֵי זֶה הוּקַם הַמִּשְׁכָּן[טו]. וְעַל יְדֵי מֹשֶׁה שֶׁהִמְשִׁיךְ אֶת הָאוֹר ה' מִלְמַעְלָה בִּבְחִינַת וָא"ו בְּחִינַת שׁוֹפָר[טז], שֶׁמְּעוֹרֵר לִבָּם לִתְשׁוּבָה וְנַעֲשָׂה מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאָמַרְתְּ (שבת קא:).

עַל כֵּן כְּתִיב וָא"ו בְּתֵבַת כַּלּוֹת, שֶׁהַוָא"ו מְרַמֵּז לִבְחִינַת הַמְשָׁכָה[יז] מִלְמַעְלָה לְכָל יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי מֹשֶׁה כַּנַּ"ל.

וּבְחִינָה זוּ מְרַמֵּז בַּפָּסוּק (ויקרא א, ב) 'אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה' וְגוֹ', פֵּירוּשׁ 'אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם' גִּימַטְרִיָּא מֵאָה, הַיְינוּ כַּאֲשֶׁר יִרְצֶה הָאָדָם לְהִתְקָרֵב לִבְחִינַת מֵאָה בְּחִינַת קְדוּשָּׁה הַנַּ"ל, יַקְרִיב 'מִן הַבְּהֵמָה', כְּלוֹמַר שֶׁיִּהְיֶה בִּתְחִילָּה כַּבְּהֵמָה שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר מֵחֲמַת גּוֹדֶל בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה מִפְּנֵי גְּדוּלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים לו, ז) 'אָדָם וּבְהֵמָה תּוֹשִׁיעַ ה''[יח], פֵּירוּשׁ שֶׁעִיקַּר דַּעַת הָאָדָם הוּא לִהְיוֹת בִּתְחִילָּה כִּבְחִינַת בְּהֵמָה שֶׁאֵין לָהּ כֹּחַ הַדִּיבּוּר מֵחֲמַת פַּחַד ה' כַּנַּ"ל, וְאַחַר כָּךְ עַל יְדֵי הַתְּשׁוּבָה יִהְיֶה בְּחִינַת קָרְבָּן לַה' לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה כַּנַּ"ל, וְאָז 'תּוֹשִׁיעַ ה''.

יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

טו. היינו על ידי בחינת הקדושה ששרתה בישראל ע"ז הוקם המשכן, וזהו 'להקים את המשכן'.

טז. זוה"ק ח"ג קכא, ב: מאי שופר קנה, ו' קול דסליק מן הקנה לגבי פומא.

יז. עיין תיקו"ז לט, א: ואיהי חכמת שלמה, דעלה אתמר ותרב חכמת שלמה, אתרביאת מכל שקיו דכל ספירה וספירה, על ידא דההוא צנורא דאיהו ו' כו'. וע"ע תיקו"ז פז, א: ו' איהו שקיו מעילא לתתא.

יח. עיין חולין ה, ב: 'אדם ובהמה תושיע ה'', ואמר רב יהודה אמר רב אלו בני אדם שהן ערומין בדעת ומשימין עצמן כבהמה.

וּבְחִינָה[כד] זוּ מְרַמֵּז בַּפָּסוּק (ויקרא א, ב) 'אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה' וְגוֹ', פֵּירוּשׁ 'אָדָם כִּי יַקְרִיב **מִכֶּם**' גִּימַטְרִיָּא **מֵאָה**, הַיְינוּ כַּאֲשֶׁר יִרְצֶה הָאָדָם לְהִתְקָרֵב לִבְחִינַת מֵאָה בְּחִינַת קְדוּשָּׁה הַנַּ"ל, יַקְרִיב 'מִן הַבְּהֵמָה', כְּלוֹמַר שֶׁיִּהְיֶה בִּתְחִילָּה כַּבְּהֵמָה שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר מֵחֲמַת גּוֹדֶל בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה מִפְּנֵי גְּדוּלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (תהלים לו, ז) 'אָדָם וּבְהֵמָה תּוֹשִׁיעַ ה'', פֵּירוּשׁ שֶׁעִיקַּר דַּעַת הָאָדָם הוּא לִהְיוֹת בִּתְחִילָּה כִּבְחִינַת בְּהֵמָה שֶׁאֵין לָהּ כֹּחַ הַדִּיבּוּר מֵחֲמַת פַּחַד ה' כַּנַּ"ל, וְאַחַר כָּךְ עַל יְדֵי הַתְּשׁוּבָה יִהְיֶה בְּחִינַת קָרְבָּן לַה' לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה כַּנַּ"ל, וְאָז 'תּוֹשִׁיעַ ה''.

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.**

כ. דאס מיינט אז דורך די בחינת הקדושה וואס האט גערוהט ביי די יודן דורכדעם איז אויפגעשטעלט געווארן די משכן, און דאס מיינט דא די פסוק **'להקים את המשכן'**.

כא. די בת עין גייט יעצט פארענטפערן וואס אלע מפרשי התורה שטעלן זיך אויף די דרשה וואס רש"י ברענגט אויף די פסוק, **וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה** "כַּלַּת" כְּתִיב [עס שטייט אין פסוק 'כלת'], **יוֹם הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן הָיוּ יִשְׂרָאֵל כְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לַחֻפָּה** [די טאג וואס מען האט אויפגעשטעלט די משכן זענען די יודן געווען ווי א כלה וואס גייט אונטער די חופה], און לכאורה דארף מען עס פארשטיין ווייל ביי אונז אין תורה שטייט דאך נישט "כַּלַּת" נאר 'כַּלּוֹת' מיט א 'ו'.

כב. אין זוה"ק (ח"ג קכא, ב) שטייט: **מאי שופר קנה** [וואס איז א שופר ? א רער -'קנה'], **ו' קול דסליק מן הקנה לגבי פומא** [דאס איז די אות ו' וואס איז מרמז אויף די קול וואס קומט ארויס פון די 'קנה' צו די מויל].

כג. דאס מיינט אז אין אמת'ן וואלט נישט געדארפט שטיין די ו', נאר ס'וואלט געדארפט שטיין 'כלת' ווייל די יודן זענען דאך געווארן אין די בחינה פון א 'כלה', נאר ווייל די פסוק וויל אונז מרמז זיין אז אונז האבן זוכה געווען צו די בחינה דורך משה רבינו האט די פסוק אריינגעלייגט די 'ו' און עס שטייט בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה'.

כד. צוליב די אריכות פון די תורה און אזוי ווי די שטיקל האט שוין נישט קיין שייכות מיט די ענין פון פרשת החודש נאר עס טייטשט די פסוק אין פרשת ויקרא, האבן מיר עס יעצט אויסגעלאזט און בעזהשי"ת עוד חזון למועד.



# כוס תנחומים

משגרים אנו בזה כוס תנחומים
לרועה נאמן לעדתו, על ישראל הדרתו

## כ"ק אדמו"ר מקאסאן – לעיקוואוד שליט"א

ולבניו הגאוה"צ שליט"א

על פטירת הרבנית הצדיקת – אמם ע"ה

המקום ינחם אתכם, ולא יוסיפו לדאבה עוד,
וימשיך להשפיע מימי החסידות מתוך
הרחבת הדעת עד ביאת גואל צדק. אנס"ו

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען וועכנטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com